# לייזער וואָלף

## אויטאָביִאָגראַפֿיע

### 1

כ׳בין געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1910 אין ווילנע בײַ אָרעמע עלטערן. דער טאַטע אַ שטובמאַלער, די מאַמע אַ שטוביקע [באַלעבאָסטע]. איך בין שוין געווען דאָס דריטע ייִנגל און דאָס פֿערטע קינד, אַזוי, אַז מײַן געבורט האָט קיין גרויסע פֿרייד נישט געבראַכט. דערצו בין איך נאָך געבאָרן געוואָרן פֿיזיש זייער שוואַך, כּמעט אָן אַ הויט, אַזוי אַז מען האָט מיך אַ צײַט לאַנג געדאַרפֿט באָדן אין וואַסער געמישט מיט מילך....

איך הייב אָן צו געדענקען פֿון אַ יאָר צוויי-דרײַ. די ערשטע דירה אונדזערע, וואָס איך געדענק, האָט זיך געפֿונען אויפֿן צווייטן גאָרן. זי האָט געהאַט אַן עסצימער מיט צוויי ״פֿאַרמוגעס״ [פֿראַמוגעס: נישעס], אַ פֿינסטערן שלאָפֿצימער און אַ קליינע קיך. איך געדענק אַ פּאָר בילדער אויף די ווענט. אויף איין בילד האָט זיך געפֿונען אַ בעראָזע [בערעזע] אין נעפּל און די שלאַנקייט פֿון דער בעראָזע [בערעזע] פֿלעגט מיך דערמאָנען די פֿיגור פֿון מײַן עלטערער שוועסטערס אַ חבֿרטע.

מײַן טאַטן געדענק איך ניט אין די ערשטע יאָרן פֿון מײַן קינדהייט, ווײַל ער איז דאַן געווען אין אַמעריקע. איך געדענק נאָר ווי איינמאָל איז מײַן עלטערער ברודער געלאָפֿן אויף די טרעפּ און געשריִען: ״דער טאַטע פֿאָרט.״ דערנאָך איז געקומען דער טאַטע מיט צוויי שוואַרצע טשעמאָדאַנעס [וואַליזעס].

פֿון די קוואַרטיראַנטקעס אונדזערע געדענק איך אַמבעסטן איינע אַ געשטופּלטע ניט קיין שיינע פֿרײַלין, אָבער זייער אַ האַרציקע. זי איז געווען אַ זאָקן-שטריקערקע און האָט בײַ אונדז פֿאַרנומען אַ ״פֿאַרמוגע״ [פֿראַמוגע] מיט איר מאַשין. זי איז געווען אַ ניט-היגע [ניט-לאָקאַלע] און אַלע פּסח פֿלעגט זי פֿאָרן אַהיים. אַרבעטן פֿלעגט זי פֿון פֿרי ביז נאַכט און דאַן פֿלעגט זי די זאָקן אויפֿלייגן און

אַוועקטראָגן צום קאָמיסיאָנער, אויף וועלכן זי פֿלעגט זיך זייער באַקלאָגן, אַז ער באַאַוולט זי. אַ חוץ דער זאָקן-שטריקערקע האָבן נאָך ביַי אונדז געוווינט דריַי שוועסטערקינדער מיַינע. צוויי זיַינען אויך געווען זאָקן-שטריקערקעס און איינע אַ בעקערקע. די בעקערקע איז שפּעטער געשטאָרבן, נאָר איר טויט געדענק איך ניט. איין שוועסטערקינד מיַינע האָט געאַרבעט אין אַ געהיימע "קרוזשאָק" [קריַיז], מסתּמאָ אין "בונד". זי פֿלעגט זינגען ביַי דער אַרבעט רעוואָלוציאָנערע לידער און פֿלעגט אָפּט ברענגען אַהיים "ליטעראַטור," וועגן וואָס זי פֿלעגט זיך קריגן מיט מיַין מאַמען.... די זעלביקע האָט געהאַט אַ חתן אַ מעכאַנישן שוסטער -- זייער אַ מיאוסער, אָבער זייער אַ ווילער צו אַלעמען און צו אונדז קינדער.

מיַין ערשטע חבֿרטע איז געווען אין מיַין עלטער אַ יאָר דריַי-פֿיר. אונדזער הויף-באַלעבאָסטעס אַ מיידעלע. אַלע אינדערפֿרי פֿלעג איך גיין צו איר זיך שפּילן. זי האָט געהאַט זייער אַ סך צאַצקעס, ליאַלקעס, בעטעלעך און קינדערשע געפֿעס. איך פֿלעג זיך אָפּשפּילן מיט איר גאַנצע טעג. מען פֿלעגט מיך קוים אַרויסנאַרן אויף אַ וויַילע אין שטוב אַריַין צום עסן. איך געדענק ניט מיר זאָלן זיך האָבן ווען עס איז געקריגט. מיר פֿלעגן זיך שפּילן ביַי זיי אין גרויסן זאַל. שפּעטער האָבן זיך אונדזערע שפּילן אַריבערגעטראָגן אויפֿן הויף און עס זיַינען צוגעקומען נאָך אייניקע קינדער, אַ טונקל מיידעלע -- אַ קוימענקערערס און אַנדערע. מיר פֿלעגן זיך שפּילן אין טאַטע-מאַמע, שפּעטער אין יאָגניש און באַהעלטעניש. דער הויף איז געווען אַ קליינער, מיט אַ ביסל גראָז צווישן שטיינער. ס'האָט זיך אויף אים געפֿונען אַ שמידעריַי, אַזוי אַז פֿערד פֿלעגן זיַין אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן זיך צו די פֿערד צוגעוווינט און פֿאַר זיי קיין מורא געהאַט.

דער טאַטע איז געקומען פֿון אַמעריקע אַ קראַנקער און זיך באַלד געלייגט אין בעט אַריַין. מיטן ביסל געלט, וואָס ער האָט געבראַכט, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַ פֿאַרב-קראָם, פֿון וואַנען צו ציִען די כיַיונע [פֿאַרדינען זיך דאָס לעבן] מיר האָבן געדונגען מיט אַ הויף וויַיטער אַ קראָם. די עלטערע שוועסטער איז געוואָרן די קרעמערקע. פֿריִער איז זי געווען אַ שניַידערקע און זי האָט זייער ניט געוואָלט שטיין אין קראָם. נאָך דעם האָט זי זיך צוגעוווינט. זי פֿלעגט זיצן און לייענען רוסישע ביכער, וויַיל די לייזונג [די הכנסה] איז געווען ניט קיין גרויסע. און פֿון דעם האָט מען געלעבט.

דער עלטערער ברודער איז געגאַנגען אין חדר. איך בין נאָך געווען קליין און נאָך געשפּילט זיך. אונטער מיר איז שוין געווען נאָך אַ ברודערל. ווי ער איז געבאָרן געוואָרן געדענק איך ניט. ער האָט געהאַט העלע הערעלעך און שטענדיק פֿלעגט ער זיצן און וויינען.

דערנאָך איז געקומען די צײַט, ווען איך האָב שוין אויך געדאַרפֿט גיין אין חדר. איך בין דאַן מסתּמאָ אַלט געווען אַ יאָר פֿיר. די מאַמע האָט מיך אַוועקגעפֿירט אין אַן ענגן טונקעלן צימער, פֿול מיט שמוציקע ייִנגלעך. דער רבי האָט מיר געוויזן אַן א׳ און געהייסט זיך זעצן. ווען די מאַמע איז אַוועק, האָט דער רבי גענומען שמײַסן אַ ייִנגעלע. דעם ייִנגלס געוואַלדן האָבן מיך אַזוי פֿאַ[ר]דריקט דאָס הערצל, אַז איך בין זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין און אַנטלאָפֿן אַהיים.

נאָך דעם האָט מען באַ מיר שוין קיין מאָל ניט געפּועלט, ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן, איך זאָל נאָך אַמאָל גיין אין חדר. כ׳האָב זיך פֿאַרעקשנט [כ׳האָב זיך אײַנגעשפּאַרט] און מער פֿאַר קיין שום פּרײַז ניט געוואָלט הערן דערפֿון. איך געדענק ניט צי מען האָט מיך געשלאָגן דערפֿאַר. דוכט זיך אַז ניט, ווײַל מײַנע עלטערן האָבן בכלל כּמעט קיין מאָל זייערע קינדער ניט געשלאָגן.

בין איך געבליבן דערווײַל ווידער אַ פֿיר-יאָריקער ״פּוסט-און-פּאַסניק״ [ליידיק-גייער] און זיך ווײַטער געשפּילט מיט אונדזער באַלעבאָסטעס מיידעלע. דערנאָך, ווען עס זײַנען אָנגעלאָפֿן פֿון אומעטום די ״ביעזשענצעס״ [פּליטים] אין ווילנע, האָט זיך צו אונדז אין הויף אַרײַנגעקליבן אַ גראָדנער ״ביעזשענעץ,״ איז ער געווען אַ רבי. האָט די מאַמע אים געדונגען, ער זאָל לערנען מיט מיר אין שטוב. מיט דעם רבין האָב איך אײַנגעשטימט צו לערנען. ער האָט מיט מיר געלערנט אַלף-בית און שפּעטער סידור. אַזוי ווי איך פֿלעג נאָכאַנאַנד זיך שפּילן בײַ מײַן חבֿרטע, פֿלעגט דער רבי אָפֿט אַרײַנגיין אַהין און דאָרט מיט מיר לערנען, האָט זיך צעשריִען מײַן חבֿרטע, אַז זי וויל אויך לערנען מיטן רבין. פֿאַרוואָס איך? האָבן מיר שויןביידע נאָך מיט מער חשק געלערנט בײַם רבין.

שפּעטער אַ ביסל האָט אונדז מײַן חבֿרטעס אַן עלטערע שוועסטער געלערנט שרײַבן ייִדיש.(1) זי פֿלעגט אונדז אָנשרײַבן אַ שורה מיט אַ

געוויסן אות און מיר פֿלעגן דאַרפֿן נאָכשרײַבן. איך האָב געזאָגט אַז דער לאַנגע צדיק זעט אויס ווי אַ קאָטשערע און מײַן חבֿרטע, -- אַז דער לאַנגע פֿ׳ זעט אויס ווי אַ פּאָמעלע [היימפּײַער-בעזעם]

בכּלל האָבן מיר ביידע געהאַט אַ סך פֿאַרגעניגן פֿון אונדזער לערנען און קיין אָפּקומעניש איז עס פֿאַר אונדז קיין מאָל ניט געווען.

נאָכן לערנען פֿלעגן מיר זיך ווידער נעמען צום שפּילן.

2

איינמאָל, דאָס איז דוכט זיך תּשעה-באבֿ פֿון יאָר 1914, איז מײַן שוועסטער געקומען פֿון גאַס און דערציילט, אַז מען האָט אויסגעקלעפּט "אָבאַוויליעניעס" [רוסיש: דעקלאַראַציעס] וועגן מאָביליזאַציע. די ווערטער זײַנען פֿאַר מיר געווען נײַ און אומפֿאַרשטענדלעך, נאָר איך האָב שטענדיק ליב געהאַט זיך צוצוהערן וואָס גרויסע ריידן און כ׳האָב פֿון דעסטוועגן פֿון איר דערציילט אַז עס האַנדלט זיך וועגן אומגעוויינטלעך ערנסטע זאַכן, וועגן מלחמה, אַז מע וועט הרגענען, אַז דער טאַטע וועט אפֿשר דאַרפֿן גיין אויפֿן פֿראָנט, צום טויט.... דערנאָך איז אין שטאָט געוואָרן זייער אומרויִק, אַ סך מיליטער. נאָר ביז נײַן אַזייגער אָוונט, דוכט זיך, פֿלעגט מען טאָרן גיין אויף די גאַסן. אויסנאַם-צושטאַנד. אַלץ איז געוואָרן טײַער. דעם טאַטן האָט מען צוגענומען צו דער אַרבעט ערגעץ אויף בריקן. בײַנאַכט פֿלעגט מען פֿאַרהענגען די שויבן קיין פֿײַער זאָל ניט דורכלײַכטן אויף דער גאַס.

איינמאָל, געדענק איך, האָט מען שוין ניט געקענט קריגן קיין ווײַס ברויט און די עלטערע שוועסטער האָט געשריִען, אַז זי מעג אַפֿילו שטאַרבן, וועט זי קיין שוואַרץ ברויט אין מויל ניט נעמען. די פּרײַזן אויף שפּײַז-אַרטיקלען זײַנען געשטויגן אָן אויפֿהער און דער טאַטע האָט איינמאָל געבראַכט אַ זאַק קאָרנמעל און געזאָגט, אַז מיר וועלן אַליין באַקן ברויט. די מאַמע האָט זיך צעשריִען מיט כּעס, אַז זי וועט קיין ברויט ניט באַקן. שפּעטער האָט זי זיך געווונטשן אַ סך אַזעלכע זעק מעל.

די אומרויִקייט אין שטאָט איז אַלץ געוואַקסן.

מען האָט גערעדט, אַז די דײַטשן האָבן שוין גענומען קאָוונע און מינסק און זיי וועלן באַפֿאַלן ווילנע פֿון אַלע זײַטן. פֿון די פֿאָרשטעט האָט מען גענומען אַנטלויפֿן אין צענטער שטאָט. מיר האָבן אויך געוווינט אין אַ פֿאָרשטאָט און די עלטערע שוועסטער איז אַרומגעלאָפֿן זוכן אַ דירה אין די צענטראַלע גאַסן. דירות זײַנען אָבער געוואָרן אַלץ טײַערער און ס'איז שוין באַלד בכּלל שווער געוואָרן צו קריגן אַפֿילו אַ צימער. חוץ דעם איז שוין דער טאַטע ווידער געלעגן שווער קראַנק, אַזוי, אַז מיר זײַנען איבערגעבליבן די איינציקע אין גאַנצן הויף און צווישן די ווייניקע אין דער פֿאָרשטאָט אין יענער יום-כּיפּור-נאַכט, ווען די רוסן האָבן פֿאַרלאָזן ווילנע.

יענע נאַכט האָט זיך מיר גוט אײַנגעקריצט אין זכּרון.

די פֿענצטער זײַנען געווען פֿאַרהאַנגען. די מאַמע האָט געוואַכט בײַם קראַנקן טאַטן. זי האָט אים געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן. מיר, קינדער, האָבן זיך געטוליעט אין אַ ווינקל קאַנאַפּע. די עלטערע שוועסטער האָט בגנייווע געקוקט דורך די פֿענצטער און די מאַמע האָט זיך אויף איר געבייזערט. אַלע רגע האָבן געקנאַלט ביקס-שאָסן און ווײַטע האַרמאַטן-דונערן.

מיר, קליינוואַרג, האָבן זיך געשראָקן און געוויינט. דער טאַטע האָט געזאָגט אַז מיר אַלע זאָלן אַראָפּגיין אין קעלער זיך ראַטעווען און אים זאָלן מיר איבערלאָזן, ווײַל אַלץ איינס איז ער שווער קראַנק און האַלט בײַם שטאַרבן. די מאַמע האָט געוויינט און געזאָגט, אַז אויב שטאַרבן איז אַלע צוזאַמען.

מיר זײַנען קענטלעך שפּעטער אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אויפֿגעריסן פֿון שלאָף האָט מיך אַ מוראדיקער קנאַל אַזאַ, אַז די שויבן זײַנען צעפֿלויגן געוואָרן. ס'איז שוין געוואָרן פֿאַרטאָג, מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דעם באַדײַט פֿון דעם גוואַלדיקן קנאַל.. די שוועסטער האָט זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון שטוב און אַוועקגעלאָפֿן זען וואָס עס הערט זיך אין גאַס. שפּעטער איז זי געקומען צולויפֿן מיט נײַ[ע]ס, אַז דער קנאַל האָט עס אויפֿגעריסן דעם גרינעם בריק, און אַז די דײַטשן פֿאַרריכטן אים שוין. אין דער פֿרי האָבן זיך קינד-און-קייט אויסגעשאָטן אויף די גאַסן. עס האָבן דורכגעמאַרשירט מחנות דײַטשן אין שפּיציקע העלמען. זיי האָבן געוואָרפֿן לעקעכלעך פֿאַר די

קינדער. איך האָב אויך געכאַפּט אַ לעקעכל, נאָר עס איז געווען ביטער ווי גאַל.

מענטשן האָבן גערעדט מיט פרייד, אַז איצט וועט שוין ווערן גוט. ס'וועט זײַן פּונקט אַזוי ווי "זאַגראַניצע" [רוסיש: אין אויסלאַנד] -- אַלץ ביליק און פֿײַן. געוואָרן איז אָבער פּונקט פֿאַרקערט -- אַלץ ערגער און ערגער. די דײַטשן האָבן גענומען אַלץ רעקווירירן, איבערהויפּט קופּער. צו אונדז זײַנען געקומען צוויי דײַטשן און צוגענומען עטלעכע קופּער-פֿענדלעך. בײַ לײַטן פֿלעגט מען דאָס קופּער באַגראָבן אין דער ערד און ניט אַרויסגעבן. די קראָם האָבן מיר פֿאַרמאַכט. קיין מאָלערײַ איז ניט געווען און ס'איז ניט געווען פֿון וואַנען צו לעבן. די שטאָט איז וואָס ווײַטער אַלץ מער פֿאַרשטאָרבן געוואָרן ציוויל. דער טאַטע האָט געדאגהט: "וואָס טוט מען?" און ער איז אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן דאָרף האַנדלען. האַנדלען איז שוין געווען פֿאַרבאָטן. און מען פֿלעגט דאַרפֿן די סחורה דורכשמוגלען דורך די מיליטערישע פּאַטראָלן. מען פֿלעגט פֿירן אויף די וועגענער כּלומרשט שטרוי אָדער זאַמד און אונטן אין אַ געהיימען צווישנדעק פֿלעגט ליגן די סחורה. אויף אַזאַ אויפֿן האָט איינמאָל דער טאַטע דורכגעשמוגלט, נאָר צום צווייטן מאָל האָט מען די באַהעלטעניש געפּאַקט און רעקווירירט די סחורה. אַזוי אַרום איז שוין ניט געווען מיט וואָס ווײַטער צו האַנדלען.

איך געדענק ווי די שוועסטער איז איינמאָל געקומען מיט אַ חבֿרטע און די חבֿרטע האָט איר גענומען לערנען דײַטש. ווײַל איצטער איז עס שוין אין די מאָדע. איך, נאָך ניט קענענדיק כּמעט קיין ייִדיש, האָב זיך אײַנגעשפּאַרט אַז איך וויל אויך לערנען דײַטש. ווען קיין קעגן-טענות האָבן ניט געהאָלפֿן, האָט מיר די שוועסטערס חבֿרטע אויך אָנגעשריבן אַ שורה דײַטשישע אותיות און איך האָב אונטן נאָכגעשריבן. איך בין דאַן מסתּמא אַלט געווען אַ יאָר פֿינף.

פֿאָרנדיק אויפֿן דאָרף האָט דער טאַטע געדונגען דאָרטן אַ שטוב אין דערפֿל און געקומען מיטן פֿאָרשלאָג אַרויסצופֿאָרן אויף ניט הי. "דאָ, - האָט ער געזאָגט - וועט מען שטאַרבן פֿון הונגער, ווײַל די לאַגע ווערט ערגער פֿון שעה צו שעה. דאָרט וועט ער פֿאַרריכטן טעפּ בײַ די פּויערים (אַן אַרבעט וועלכע ער האָט נאָך געקענט פֿון די ייִנגל-יאָרן) און בכּלל וועלן מיר זײַן נענטער צו די קוואַלן פֿון שפּײַז און

ברויט. די מאַמע האָט געטענהט, אַז די קינדער וועלן אויפֿן דאָרף פֿאַרווילדעוועט ווערן. מייַן עלטערע שוועסטער האָט זיך אויך שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט. איר האָט זיך סתּם ניט געוואָלט אַוועקוואַרפֿן די שפּאַציר-גאַסן און קאַוואַלירן, הגם יעמאָלט איז עס אפֿשר שטאַרק אין קאָפּ ניט געלעגן....

אויסגעפֿירט האָט דער טאַטע. און אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן האָבן מיר גענומען אײַנפּאַקן אונדזערע זאַכן אויפֿן אייגענעם פֿערד-און-וואָגן. פֿאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסע פֿרייד דאָס קלײַבן זיך. כ׳האָב מיט חשק געשלעפּט קלייניקייטן פֿון שטוב אַרויס אין וואָגן אַרײַן. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט מײַן בעסטער לאַנגיאָריקער חבֿרטע. כ׳האָב איר צוגעזאָגט, אַז כ׳וועל אָפֿט קומען און איר ברענגען פּאָזימקעס [פּאָזעמקעס ; זע פּויליש פּאָזיָאמקאַ], טרוסקאַווקעס [זע פּויליש טרוסקאַוקאַ] און בלומען. זי האָט געוויינט. כ׳האָב געזאָגט : ״נאַרעלע וויין ניט״..... דאָס הערצל איז מיר ווייך געוואָרן. דער וואָגן האָט גערירט און איך אויפֿן וואָגן מיט אַ ים אומבאַקאַנטע געפֿילן פֿון פֿרייד, געזעגענונג, ליבע און טרויער.

3

אין דערפֿל זײַנען מיר אָנגעקומען פֿאַרנאַכט. די שטוב איז געווען אַ הילצערנע מיט עטלעכע שטיינער אָנשטאָט טרעפּ. מיר האָבן זיך אויסגעפּאַקט, געשלעפּט די זאַכן אין שטוב אַרײַן. איך בין גלײַך אַוועקגעלאָפֿן רײַסן הויכע בלומען, וואָס זײַנען ווילד געוואַקסן אַרום שטוב. ווען ס׳איז געוואָרן טונקל האָבן מיר קיין פֿײַער ניט אָנגעצונדן און זיך גלײַך געלייגט שלאָפֿן פֿאַרמאַטערטע אויף סעניקעס [זע פּויליש סיִענניק ; געלעגער], צעלייגטע אויף דער הוילער ערד. קיין פּאַדלאָגע איז ניט געווען. אַ ווינטל האָט געבלאָזן דורך די פֿענצטער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ פֿרײַ פֿריש לעבן.

פֿאַרטאָג פֿלעג איך זיך אַראָפּכאַפּן מיטן ייִנגערן ברודערל און אַוועקלויפֿן אויף די נאַסע פֿעלדער. מיר האָבן זיך שנעל צונויגעחבֿרט מיט עטלעכע שקצימלעך, הגם מיר האָבן נאָך קיין פּויליש ניט געקענט ריידן. איין שייגעצל אַ שוואַכס, מיט בלויע אָדערלעך איז געווען אַ משומדעסטעס אַ זון. די משומדעסטע איז געווען אונדזערע

אַ נאָענטע שכנה, און מיר האָבן זיך מיט איר און מיט איר פֿאַמיליע זייער גוט צונויפֿגעלעבט.

דער זומער איז אַוועקגעלאָפֿן גיך. ס׳איז געקומען דער האַרבסט מיט רעגנס און אומעט. מיר האָבן זיך געשפּילט אין שטוב. דער טאַטע פֿלעגט אויפֿקויפֿן פֿאַרשיידנס אין שטאָט און עס בײַטן אויף שפּײַז בײַ די פּויערים. די שוועסטער האָט גענייט בײַ די פּויערים. פֿון דעסטוועגן האָבן מיר אָפֿט צוגעהונגערט. ווינטער זײַנען מיר אומגעלאָפֿן מיט באָרוועסע פֿיסלעך איבער דער קאַלטער פֿאַדלאָגע אָדער געשפּילט זיך אויפֿן אויוון. כ׳האָב געבענקט נאָכן זומער, נאָר לאַנג איז ער ניט געקומען. דער שוועסטער האָט מיר אין אָוונטן געלערנט לייענען און שרײַבן ייִדיש. כ׳בין געווען פֿלײַסיק. מיר פֿלעגן אָפֿט שפּילן אין לאָטאָ מיט שקצים און שיקסעלקעס. מיר האָבן געלעבט מיט זיי גוט און זיך זייער זעלטן געקריגט.

ענדלעך איז געקומען דער פֿרילינג און מיר האָבן גענומען פֿאַרלאָזן אונדזער שטוב. די באַלעבאָסטע האָט אַליין זיך אַהער אַרײַנגעקליבן. מיר האָבן זיך איבערגעקליבן צו אַן אַנדער פּויער אויף אַ בערגל. מיר האָבן דאָ געוווינט מיטן פּויער אין איין שטוב, מערניט אָפּגעטיילט מיט אַ פֿאָדער-הײַזל. די שטוב איז געשטאַנען כּמעט אין וואַלד. אין שכנות האָבן זיך געפֿונען וועלדלדיקע זומפּן. דאָ פֿלעגן מיר אָפֿט גיין אין וואַלד נאָך האָלץ, יאַגדעס, שוועמלעך. פֿאַרטאָג פֿלעג איך מיטן ברודערל אַוועקלויפֿן צום פּאַסטעך. ער פֿלעגט אונדז לערנען מאַכן אַ פֿײַער, אונטערצינדן פֿרישן גראָזן אין פֿעלד, באַקן בולבעס און מאַכן פֿײַפֿלעך, קיישלעך פֿון ריטער. די מאַמע האָט געדאגהט, אַז מיר ווערן פֿאַרווילדעוועט, אַז מיר קענען שוין כּמעט קיין ייִדיש ניט ריידן. ״וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?״

בײַ אַ פּאָר קילאָמעטער ווײַט פֿון אונדז האָט אַ ייִד געהאַלטן אין אַרענדע אַ גוט, האָט זיך די מאַמע בײַ אים אײַנגעבעטן ער זאָל לערנען מיט אונדז. איינמאָל האָט זי מיך מיט מײַן ברודערל אַהין אַוועקגעפֿירט. דער ייִד איז געווען אַן אַלטער מיט אַ גרויסער באָרד, האָט זיך מײַן ברודערל דערשראָקן פֿאַר זײַן באָרד און אַנטלאָפֿן געוואָרן אין פֿעלד אַרײַן צום פּאַסטעך. איך בין געבליבן און אַלע טאָג פֿלעג איך גיין צום ייִדן זיך לערנען. ער האָט מיט מיר געלערנט סידור און שפּעטער דעם חומש בראשית. ער האָט געזאָגט דער

מאַמען, אַז איך האָב אַ גוטן קאָפּ און אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ רבֿ. מײַן רבי האָט געהאַט אַ סך טעכטער. די געשעפֿטן האָט געפֿירט דער עלטערער זון. ער פֿלעגט האַנדלען מיט בהמות, אונטערקויפֿנדיק די זשאַנדאַרן. די ערד האָבן באַאַרבעט פּאַראָבקעס. ווען דער הונגער האָט זיך אין שטאָט געשטאַרקט, פֿלעגן קומען גאַנצע מחנות הונגעריקע ווײַבער, מענער און קינדער. דער רבי פֿלעגט קיינעם ניט אָפּזאָגן און אַלעמען געבן עסן און טרינקען און דעם שײַער צום שלאָפֿן. הונגעריקע פֿלעגן אויך קומען צו אונדז אַהיים און ברענגען שרעקלעכע גרוסן פֿון שטאָט, אַז מען ליגט אויף די גאַסן געשוואָלענע פֿון הונגער, אַז מען גריזשעט די ווענט און שטיינער פֿון ברוק. מען האָט געשאָלטן די דײַטשן מיט די ערגסטע קללות, נאָר פֿיל האָט נאָך געדויערט ביז מען האָט גענומען ריידן, אַז די דײַטשן קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן.

די זשאַנדאַרן און פּאַטראָלן אין די דערפֿער און שטעטלעך זײַנען ביסלעכווײַז נעלם געוואָרן און די פּויערים האָבן גענומען ריידן, אַז די פּאָליאַקן וועלן פֿאַרכאַפּן די מאַכט. דער טאַטע איז געקומען פֿון שטאָט און דערציילט, אַז קיין דײַטשן זײַנען שוין אין שטאָט ניטאָ, אַז צוויי פּאַרטײַעס, אַ פּוילישע און באָלשעוויצקע ווילן פֿאַרכאַפּן די שטאָט. דערנאָך האָט מען שוין אין שטאָט מורא געהאַט צו גיין. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אַ באָלשעוויצקע גרופּע האָט זיך פֿאַרשפּאַרט אין אַ מויער און אַז די פּאָליאַקן זײַנען געווען שטאַרקער. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן שמאָל און עטלעכע פֿון זיי האָבן זיך אַליין דערשאָסן. די פּאָליאַקן האָבן אײַנגענומען די שטאָט אויף איין טאָג. אויף מאָרגן זײַנען די באָלשעוויקעס געקומען פֿון רוסלאַנד.

פלוצלינג זײַנען געקומען צו אונדז צוויי רײַטער -- באָלשעוויקעס אין רויטע רובאַשקעס [זע רוסישן רובאַשקאַ: העמד]. זיי האָבן דערשאָסן אויפֿן הויף אַ קאַטשקע, צוגענומען בײַם פּויער לײַוונט און עסנוואַרג. אונדז האָבן זיי ניט געטשעפּעט, מיר האָבן גאָרניט געהאַט. דער פּויער האָט געוויינט, זיך געצלמט און געבעטן זיך. די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט אַז זיי מוזן און אַוועקגעריטן ווײַטער.

מײַן עלטערע שוועסטער איז אַוועק אין שטאָט אַרײַן און געזאָגט, אַז זי קען מער אויפֿן דאָרף ניט זיצן. די באָלשעוויקעס גיבן אַלעמען

שטעלעס, וועט זי אויך קריגן. זי איז אָנגעקומען צו די באָלשעוויקעס און זיי האָבן איר געלערנט שיסן. די מאַמע האָט געוויינט. מייַן עלטערער ברודער האָט גענומען האַנדלען מיט תּבֿואה און פֿרוכט. ער האָט גענומען פֿאַרדינען און זיך האַלטן גרויס. די מאַמע מיטן טאַטן פֿלעגן אויך שמוגלען סחורה אין שטאָט אַרייַן און פֿון שטאָט אַרויס. פֿלעג איך איבערבלייַבן מיט די קליינע אין שטוב. איך פֿלעג אָנגראָבן בולבעס אין גאָרטן, אָפּשיילען און אָפּקאָכן און בכלל פֿירן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט. כ'בין מסתּמאָ דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכט-נייַן.

איין מאָל האָט מען פּלוצלינג דערציילט, אַז די פּאָליאַקן האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין שטאָט. מען הרגעט זיך אויף די גאַסן. די באָלשעוויקעס טרעטן אָפּ. די מאַמע האָט געבראָכן די הענט און געקלאָגט אויף דער עלטערער שוועסטער. קוילן האָבן געהוזשעט [זע פּויליש הוצזעץ] איבער אונדזער דאַך. די באָלשעוויקעס זייַנען אָפּגעטראָטן.

אויף איבערמאָרגן זייַנען צו אונדז געקומען דרייַ פּוילישע סאָלדאַטן און געזאָגט אַז מיר זייַנען באָלשעוויקעס און אַז מען דאַרף אונדז אַלעמען דערשיסן. זיי האָבן געהייסן דעם טאַטן אויסטאָן די שטיוול און גיין מיט זיי. מיר, קינדער, האָבן זיך צעשריִען ווי די שעפּסן. זיי האָבן דעם טאַטן אַוועקגעפֿירט דערשיסן. די מאַמע איז נאָכגעלאָפֿן מיט געוויין. די סאָלדאַטן האָבן זי געיאָגט און געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער, נאָר די מאַמע איז אַלץ נאָכגעלאָפֿן. לעבן אַ בערגל האָבן זיי דעם טאַטן אַוועקגעשטעלט. איין סאָלדאַט איז צו און געבעטן בייַם טאַטן דאָס גאַנצע געלט. דער טאַטע האָט אים אַלץ אַוועקגעגעבן. דאַן האָט דער סאָלדאַט געזאָגט: ״וואָס וועלן מיר האָבן, אַז מיר וועלן אים שיסן? לאָמיר זיך בעסער צעטיילן מיטן געלט און זאָל ער גיין צום טייַוול!״

דער סאָלדאַט האָט דאָס געלט צעטיילט אויף דרייַ חלקים און זייַן טייל האָט ער בגנייווע אַרייַנגעדרוקט דעם טאַטן.

״אַנטלויף -- האָט ער געזאָגט -- אַניט וועלן מיר שיסן!״

דער גוטער סאָלדאַט, האָבן מיר זיך שפּעטער דערוווּסט, איז געווען אַ ייִד.

ווען דער טאַטע איז געקומען צוריק אַהיים, איז זײַן קאָפּ געווען אינגאַנצן גרוי געוואָרן.

מאָרגן זײַנען מיר שוין געפֿאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן.

## 4

דער צוריקקער אין דער שטאָט האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אָפּגעוווינט פֿון שטאָטישן טומל, צוגעוווינט צו דער דאָרפֿישער שטילקייט, איז מיר שווער געווען זיך צונויפֿצולעבן מיטן גערויש פֿון ברוק. שוין כּמעט פֿאַרגעסן די ייִדישע שפּראַך, האָט זי מיר געקלונגען פֿרעמד אין די אויערן און מיט די הויפּיקע קינדער האָב איך די ערשטע צײַט גערעדט פּויליש. די מאַמע האָט מיך מיטן ברודערל אַוועקגעפֿירט אין אַ תּלמוד-תּורה. דאָס מאָל איז זי שוין געווען אַ ביסל מאָדערניזירט, נאָר דער לערער פֿלעגט נאָך אַלץ דרייען פֿאַרן אויער. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טעג אין דער תּלמוד-תּורה, האָב איך זיך אויפֿגערעדט מיט מײַן ברודערל, אַז מיר זאָלן זיך אײַנשפּאַרן און ניט גיין מער דאָרטן.

ס׳איז געקומען אַ פֿרימאָרגן -- מיר גייען ניט און פֿאַרטיק.

די מאַמע שרײַט: ״פּוערים!״ דער טאַטע בייזערט זיך. ס׳העלפֿט ניט. ס׳גייט אַוועק אַ טאָג צוויי, מיר גייען נישט. דאַן פֿירט דער עלטערער ברודער אונדז אַוועק אין אַ ייִדישער פֿאָלקס-שול. נאָך אַ גרינגן עקזאַמען נעמט מען מיך גלײַך אָן אין צווייטן קלאַס און דעם ברודערל אין ערשטן. ס׳איז קאַניקול-צײַט [קאַניקולעס: וואַקאַציע צײַט] און מיר דאַרפֿן נאָר גיין צוויי מאָל אַ טאָג עסן אין דער שול. די שול איז אונדז יאָ געפֿעלן און מיר גייען אַהין גערן. צום נײַען שול-יאָר קלײַבט זיך די שול אַריבער אין אַ נײַעם לאָקאַל. איך זיץ די ערשטע צײַט אויף דער שול-באַנק שטום און פֿאַרלעגן. ביסלעכווײַז קריג איך מוט צו ריידן און כ׳נעם זיך אויסצייכענען. צום סוף לערניאָר קלײַבט מען אויס עטלעכע בעסערע שילער, צווישן זיי אויך מיך, און צו נײַעם לערניאָר באַזעצט מען מיך אַזש אין פֿערטן קלאַס. נאַטירלעך מיט אַזאַ שפּרונג האָב איך זיך געהאַלטן גרויס. איך פֿאַרשרײַב זיך אין ביבליאָטעק און דאָס ערשטע בוך, וואָס פֿאַלט מיר אַרײַן אין די הענט, איז מענדעלעס ״קליִאַטשע.״ איך פֿאַרשטיי עס נאָך ווייניק, נאָר פֿון דעם שטויס איך זיך יאָ עפּעס אָן ווער ס׳איז

די ״קליִאַטשע״ און ס׳איז מיר געפֿעלן. כ׳קריג אַ גוואַלדיקן דורשט צום לייענען. כּמעט אַלע טאָג בייַט איך אַ בוך. איך צי זיך אינגאַנצן צוריק פֿון חבֿרים און שפּיל און כ׳פֿאַרטיף זיך אין ביכער.

די לעקציעס מאַך איך ווייניק, ווייַל איך קען זיי גוט פֿון לערערס מויל און צווייטנס פֿעלן מיר אַלע לערנביכער. קיין חבֿרים קלייַב איך זיך ניט צו. כ׳לעב איינזאַם. דאָס בוך ווערט מייַן בעסטער פֿרייַנט. פֿיזיש ווער איך אָפּגעשוואַכט און ווען די שול אָרדנט איין אַן אָפּרו-קאָלאָניע, שיקט מען מיך אויך אַהין.

דאָ אין דער קאָלאָניע בין איך עטלעכע וואָכן. דאָס קאָלעקטיווע לעבן איז אָבער דאַן פֿאַר מיר, דעם איינזאַמען, אַ לאַסט.

כ׳בענק נאָך איינזאַמקייט און אויך נאָך דער היים.

איינמאָל בייַנאַכט וועקן אונדז אויף ביקסן-זאַלפּן. מיר לויפֿן אַרויס אין די העמדלעך און קוילן זשומען איבער אונדזערע קעפּ. מענטשן לויפֿן אָן און דערציילן אַז די באָלשעוויקעס קומען ווידער. מיר פּאַקן זיך איין און לויפֿן אין שטאָט אַרייַן. די גאַסן זייַנען פּוסט. פֿאַרנאַכט ווייַזן זיך די ערשטע רויטע רייַטער. די גאַסן ווערן פֿול, דערהויפּט מיט ייִדן. אויף מאָרגן זייַנען פֿול באָלשעוויקעס. רויטע פֿאָנען פֿלאַטערן. די צייַטונגען ברענגען גרויסע קעפּ: ״די רויטע אַרמיי פֿאַרנעמט גראָדנע, ביִאַלאָסטאָק!״ און באַלד: ״די רויטע אַרמיי הינטער די טויערן פֿון וואַרשע!״

כ׳געדענק אַ גרויסן מיטינג אויפֿן קאַטעדראַל-פּלאַץ. פֿון דער הויכער טריבונע רעדט מען רוסיש, פּויליש, ייִדיש, ליטוויש.

בכּלל איז מען איצט נאָכאַנאַנד אויף די גאַסן. איך קען ניט לייענען. איך ווער מיטגעריסן מיטן מאַסן-לעבן פֿון גאַס. די לערער אין שול זייַנען צופֿרידן. מען צאָלט זיי סחירות פֿון מאַגיסטראַט. פֿאַר די קינדער גיט מען פּראָדוקטן און זאַכן. כ׳קריג אַ געל מאַנטעלע און געלע שיך.

אומגעריכט קריגן די באָלשעוויקעס אַ מפּלה בייַ וואַרשע און זיי נעמען אייַליק צוריקציִען, זיי פֿאַרלאָזן ביִאַלאָסטאָק, גראָדנע און פֿאַרהאַלטן זיך אין ווילנע. מען נעמט ריידן, אַז די באָלשעוויקעס

גיבן אַוועק ווילנע די ליטווינער. עס באַווייַזט זיך טאַקע ליטווינער אין שטאָט מיט געלע פּאַסיקעס אויף די היטלען. ביסלעכווייַז ציִען זיך די באָלשעוויקעס צוריק און עס פֿאַרבלייַבן די ליטווינער. מען נעמט שוין שרייַבן די שילד אויף ליטוויש. די ליטווינער נעמען זיך אייַנבירגערן. זייער סיים קלייַבט זיך איבער אַהער. פּלוצלינג אַ נייַע מלחמה. גענעראַל זשעליגאָווסקי גייט אויף ווילנע. אָן ווידערשטאַנד כּמעט פֿאַרנעמט גען. זשעליגאָווסקי די שטאָט און ס'ווערט כּלומרשט מיטל-ליטע. ביסלעכווייַז וועפּט זיך אויס דאָס מיטל-ליטע און ווילנע פֿאַרבלייַבט פֿאָרט בייַ פּוילן.

איך גיי שוין אין פֿינפֿטן קלאַס. כ'בין שוין אַ יאָר פֿערצן. אַ גרויסער בחור. איך האַלט זיך ערנסט און גרויס. צו בר-מצווה לייג איך נאָך פֿון דעסטוועגן תּפֿילין, הגם איך בין פֿון קינדווייַז אָן ניט רעליגיעז. נאָכן אָפּלייגן תּפֿילין עטלעכע וואָכן וואַרף איך עס אַוועק אויף אייביק. ביסלעכווייַז הער איך אויף צו גיין אין קלויז אַפֿילו ניט אין שבתים און יום-טובֿים. אַפֿילו ניט אום יום-כּיפּור. איך קען זיך באַרימען, אַז כ'האָב קיינמאָל אין מייַן לעבן ניט געפֿאַסט אין רעליגיעזן זין. געווייִנטלעכע וואָכעדיקע תּניתים מחמת פּראָסט ניט האָבן וואָס צו עסן, האָב איך גראָד געהאַט ניט ווייניק.

פֿון די לימודים אין שול איז מיר איבערהויפּט געפֿעלן ליטעראַטור און שפּראַכן חוץ העברעיִש. צו העברעיִש האָב איך, ווי די איבעריקע מייַנע שולקאָלעגן און קאָלעגינס ניט געהאַט קיין שום סימפּאַטיע. קיין ערנסטע גוטע חבֿרים און חבֿרטעס האָב איך ניט געהאַט. די שולד איז אפֿשר געווען מייַנע, הגם באַליבט בייַ די לערער און שילער בין איך יאָ געווען. מען האָט מיך ליב געהאַט פֿאַר מייַן שטילקייט, רויִקייט און באַשיידנקייט.

איך ווער פֿיזיש אַלץ שוואַכער און שוואַכער. עפּעס וואָס -- פֿאַרדריקט מיך שוין דאָס האַרץ צום ווייִנען. מע שיקט מיך צום צווייטן מאָל אין אַן אָפּרו-קאָלאָניע. דאָ באַקען איך זיך מיט אַ הויכן יונגן אין מייַנע יאָרן. מיר לעבן זיך זייער גוט צונויף. זייַן באַשיידענער מעסיקער כאַראַקטער איז זייער ענלעך צו מייַנעם. מיר באַזוכן זיך איינער דעם אַנדערן אָפֿט. מיר ווערן אינטים און מיר קריגן זיך קיינמאָל ניט. גאַנצע צען יאָר כּסדר. מיר פֿאַרבלייַבן די בעסטע חבֿרים ביזן הייַנטיקן טאָג.

איך ווער אַלץ נערוועזער און קאַפּריזנער. אין שטוב מאַך איך אָפּט ברוגזן און עס ניט. איך צייכן זיך אויס אין די שריפֿטלעכע אַרבעטן און די לערער נעמען מיך האַלטן פֿאַר אַ שרײַבער. עס רוקט זיך אָן די צײַט פֿון ענדיקן די שול. עס קומען דאגות: „וואָס ווײַטער?‟ די שול איז אַ זעקס קלאַסיקע. איך וועל מסתּמאָ זיך לערנען ווײַטער. אין שטוב וויל מען אויך איך זאָל זיך לערנען. דער סיום. צוליב אַ קינדערשן קאַפּריז, וואָס איז מיר אומפֿאַרשטענדלעך כּמעט ביז הײַנטיקן טאָג, זאָג איך די שטוביקע, אַז עס טוט מיר ווײ דער קאָפּ און איך גײ ניט אויף מײַן אייגענעם סיום. איך שיק צו דורך אַ חבֿר אַן אייגן פֿאַרפֿאַסט ליד: „אַדיע דיר שול, ווו איך האָב געלערנט!‟ דאָס ליד בעט איך זאָל מען פֿאָרלייענען עפֿנטלעך. כ׳האָב מסתּמאָ קינדעריש אויסגערעכנט, אַז דאָס ליד וועט מאַכן אַן אומגעהײַערן עפֿעקט.

צום נײַעם לערניאָר קום איך אָן אין דער אַכט-קלאַסיקער ייִנגל-שול, אין זיבעטן קלאַס. דאָ איז מיר שווער זיך צונויפֿצולעבן מיט די קינדער און לערנען. די לעקציעס פֿאַרנאַכלעסיק איך. איך לייען אומויפֿהערלעך ייִדיש און פּויליש. כ׳לייען אַ סך פּאָעזיע, אָבער אויך פֿיל פּראָזע, בעלעטריסטיק, אויך פּאָפּולער-וויסנשאַפֿטלעכע ביכער און רײַזע-באַשרײַבונגען. בכּלל לייען איך אָן אַ סיסטעם, אויף אייגענער אַחריות, אָבער אויף אַלע געביטן געמישט.

כ׳ווער נערוועזער און נערוועזער פֿון צופֿיל לייענען און איינזאַמקייט. איך ענטפֿער אָפּ שאַרף די לערער אויף זייערע טענות, איך, דער שטילסטער שילער דערלויב זיך צו געבן אַ טראַסק מיט דער טיר, ווען מען שיקט מיך אַרויס פֿון קלאַס.

ענדלעך אַנטזאָג איך זיך פֿון אַלע לעקציעס, חוץ ייִדישער ליטעראַטור. פֿאַרן ייִדיש-לערער שרײַב איך אָן אַ גרויסע אַרבעט וועגן „קליינעם מענטשעלע‟ [מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע‟]. אַלע איבעריקע לערער איגנאָריר איך. עס קומען קאָנפֿליקטן און סקאַנדאַלן. זײ שרײַען און שרעקן מיט אויסשליסן.

אין דער היים פּרוּוו איך שאַפֿן זעלבשטענדיק לידער און פּראָזע.

איך ווײַז אַ פּאָר לידער דעם ייִדיש-לערער און אים געפֿעלט. כ׳בין גליקלעך. איך וויל ווערן אַ שרײַבער. איך טרוים וועגן וועלט-רום.

ענדלעך באַקום איך גרויסע קאָפּ-ווייטיקן. איך גיי צום דאָקטער. ער הייסט מיר וואַרפֿן דאָס לערנען, דאָס לייענען, זיך פֿאַרנעמען מיט ספּאָרט, זײַן וואָס מער אויף דער פֿרישער לופֿט. נערוון, נערוון, נערוון.

5

איך קען זיך אָבער ניט געזעגענען מיטן בוך און כ׳מוז לייענען בײַ די גרעסטע קאָפּ-ווייטיקן. די עלטערן מאַכן סקאַנדאַלן און רײַסן מיר ס׳בוך פֿון די הענט. ענדלעך נעם איך זיך אין די הענט אַרײַן און וואַרף דאָס בוך, דאָס מאָל אויף עטלעכע יאָר. איך ווער אַ פֿוטבאָליסט [פֿוסבאָליסט] יענע יאָרן 26-25-24 זײַנען געווען פֿוטבאָל-מגיפֿות. די גאַנצע ווילנער מענלעכע יוגנט, אָן אונטערשייד פֿון עלטער און נאַציאָנאַליטעט, איז פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון פֿוטבאָל [פֿוסבאָל].

די פֿוטבאָל-מאַטשן פֿלעגן באַזוכט ווערן פֿון צענדלינגער טויזנטער, אַלט און יונג. ניט קיין ליגן זאָגנדיק, איז ניט געווען כּמעט קיין איין ייִנגל אין שטאָט, וואָס זאָל ניט האָבן געשפּילט אין אַ ייִנגלשער פֿוטבאָל-קאָמאַנדע.

אַזוי ווי דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל שוין בעסער שפּילן פֿוטבאָל איידער לייענען, האָב איך ענדלעך זיך דעצידירט און כ׳בין אָנגעקומען אין אַ ייִנגלשער פֿוטבאָל-קאָמאַנדע. פֿון אָנפֿאַנג בין איך געווען זייער אַ שוואַכער שפּילער. באַלד אָבער צייכן איך זיך אויס. כ׳נעם שיסן אָפּטע גאָלן. מיר רופֿן אַרויס אַנדערע פֿוטבאָל-קאָמאַנדעס פֿון אונדזער גלײַכן אויף מאַטשן. די מאַטשן קומען פֿאָר אויף די מערק. איך ווער אַ באַרימטער שפּילער און לויפֿער צווישן די ייִנגלעך. מײַן קאָמאַנדע קלײַבט מיך אויס אַלס איר קאַפּיטאַן. גלײַכצײַטיק ווער איך אויך דער סעקרעטאַר פֿון דער מאַנשאַפֿט. איך פֿאַרשרײַב אַלע מאַטשן אונדזערע. די נצחונות און מפּלות. מײַן פֿוטבאָל-פּעריִאָד געדויערט דרײַ-פֿיר יאָר. דאָס זײַנען יאָרן פֿון טומל און אומגעהײַערער כּוחות-פֿאַרשווערונג. טאָג און נאַכט פֿלעגן מיר שפּילן אויף אַ פֿאַרלאָזענער ציגעלניע, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די ערגסטע זשוליקעס, גאַסן-יונגען, געמיינסטע זידלערײַען און גראָבע

רייד. צו מיר האָבן זיך אָבער די מיאוסע רייד ניט געקלעפּט און קיין טיפֿן שטעמפּל ניט געלייגט.

ביסלעכווײַז גייט דער פֿוטבאָל-טשאַד פֿאַרבײַ. עס קומט די אויסניכטערונג. די פּאָר משוגענע פֿוטבאָל-יאָרן האָבן אָבער פֿולשטענדיק פֿאַרהאַרטעוועט מײַן נערוון-סיסטעם. איך פֿיל זיך אויך פֿיזיק מוסקולירטער, שטײַפֿער און געזינטער.

ס'איז אויך פֿאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין מײַן כאַראַקטער. מײַן שוואַך איידלפֿילנדיק האַרץ איז צוגעוווינט געוואָרן צו באַליידיקונגען און ברוטאַליטעטן. די געזעלשאַפֿט פֿון געזונטע יינגלעך, וואָס לאָזן זיך ניט שפּײַען, ווי מען זאָגט עס, אין דער קאַשע, האָט מיר אויך געלערנט צו זײַן פֿעסט און ניט צעקראָכן אין דער באַציונג צו מענטשן. ס'איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן מײַן שעמעוודיקייט. אַלס קאַפּיטאַן פֿון מײַן קאָמאַנדע האָב איך זיך אויסגעלערנט צו זײַן באַפֿעלעריש און שטרענג, הגם דאָס איז מיר אָנגעקומען זייער שווער צוליב מײַן מילדן כאַראַקטער. אַזוי אַרום האָב איך געוווּנען פֿון די עטלעכע טומלדיקע פֿוטבאָל-יאָרן און צוריקציִענדיק זיך ווידער אין דער ביכער- און שרײַבער-וועלט, האָב איך מיטגעבראַכט אַ סך זיכערקייט אין די אייגענע כּוחות און אַ באַוווּסטזײַן, אַז וואָס איך זאָל ניט וועלן דערגרייכן, ווענדט זיך עס קודם-כּל אין מיר אַליין.

6

מיט די דאָזיקע שורות דערנענטער איך זיך צו מײַן קעגנוואַרט. אַ סך ווערק אין פּראָזע, פּאָעזיע און דראַמע רוען אין מײַן שופֿלאָד. זיי וועלן קיינמאָל מסתּמא ניט דערזען די ווײַסע וועלט, נאָר דאָס גייט מיר שוין איצט אַ סך ווייניקער אָן ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק.... מײַן וועלט איז די ליטעראַטור און אַ זייער ענגער קרײַז פֿון באַליבטע חבֿרים.

הגם עס פֿרעסט מיך אויף אַ פֿאַרעקשנטער פּעסימיזם איז מײַן באַציונג צו דער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייט אַ מער-ווייניקער אָפּטימיסטישער....

מײַן ווײַטער אידעאַל איז:

די מענטשהײט -- אײן פֿאָלק. די װעלט -- אײן לאַנד.

װילנע, 4 יולי, 1932**

---

הערות

1) װעגן דעם לערנען פֿון ייִדיש אין חדר, זע נאָכעם שטיפֿס באַמערקונגען אין "טמר" באַנד 01, נומער 011.

* די דאָזיקע אױטאָביִאָגראַפֿיע איז געשריבן געװאָרן צום קאָנקורס פֿון ביִאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע יוגנטלעכע װאָס דער "ייִװאָ" אין װילנע האָט דורכגעפֿירט אין יאָר 1934.

** איבערגעדרוקט פֿון: לײזער װאָלף, "לידער", געזאַמלט פֿון ל. ראַן, אָפּגעקליבן און רעדאַקטירט פֿון ה. לײװיק., ניו-יאָרק: אַלװעלטלעכער ייִדישער קולטור-קאָנגרעס, 1955, זז" 25-42.